**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סיטי סאָבוועי ברעכט ווידער רעקארד פון צאל פאסאנזשירן אויף א טאג סוף וואך**

***סאבוועיס רעקארדירן איבער 2.9 מיליאן באצאלטע רייזעס אויף דעצעמבער 9, איבערשטייגנדיג פריערדיגע נאך-פאנדעמיק שבת רעקארד פון אקטאבער 28, 2023***

***א רעקארד הייך פון 58.5 פראצענט פון די רייזעס זענען געווען OMNY***

גאווערנאר קעיטי האקאל האט היינט געמאלדן אז ניו יאָרק סיטי סאבוועי האט רעקארדירט 2,918,691 באצאלטע רייזעס שבת, דעצעמבער 9, איבערשטייגנדיג די פריערדיגע נאך-פאנדעמיק וויקענד הייך געשטעלט אום אקטאבער 28. די 2.9 מיליאן באצאלטע רייזעס זענען א זעקס פראצענטיגע העכערונג אויף די אקטאבער 28 רעקארד און פארטרעט די העכסטע וויקענד טאג פאר רייזנדע אין פיר יאר.

"ניו יארק ביי די האלידעיס זענען ווי א זיסע טרוים, און דערפאר איז נישט קיין איבערראשונג אז אין די צייט פון יאר קומט א שטראם פון סאבוועי רייזנדע," **האט גאָווערנאָר האקול געזאגט.** "עס איז נישט קיין צווייפל אז די MTA איז גרייט צו באגריסן ניו יארקערס און באזוכער צוגלייך א דאנק די אינוועסטירונגען וואס מיר האבן געמאכט אין זיכערהייט און סערוויס דורכאויס דעם סיסטעם."

**MTA פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט געזאגט,** "די MTA דערגרייכט איר שפיץ צו שליסן דאס יאר. דאס איז דער צווייטער מאל אין ווייניגער ווי צוויי מאנאטן וואס די סאבוועי שטעלט אוועק א שבת רעקארד – א ריזיגע שטימע פון זיכערקייט אין מאַסן-טראַנזיט פון רייזנדע. שטייענדיג פאר נאך גרידלאק טעג, ווייסן ניו יארקער, און באזוכער, אז די סאבוועי איז די בעסטע וועג צו רעסטוראנטן, שוי-שפילן און אלע אויסגעצייכנטע האלידעי אקטיוויטעטן וואס ניו יאָרק סיטי האט צוצושטעלן."

**ניו יאָרק סיטי טראנזיט פרעזידענט ריטשארד דעיווי האט געזאגט**, "סאנטא איז געקומען פרי דאס יאר. SantaCon האט זיכער געשפילט א ראלע אין די שבת רעקארד, און איך בין אזוי צופרידן אז אזוי פיל מענטשן האבן גענוצט די סאבוועי צו פייערן די האלידעי סעזאן דורכאויס די סיטי. כאטש וואס אלע רייזנדע רעקארדס זענען ספעציעל, דאך סיי ווען מיר האבן א גרויסער שבת, צייגט עס באמת אז מענטשן געטרויען די סאבוועי זיי צו פירן סיי וואו זיי דארפן גיין און אז אונזער פאקוס אויף פארבעסערן די וויקענד ערפארונג ברענגט צוריק קאסטומערס אין שטייגנדע צאלן."

דער רעקארד סאבוועי שבת איז געטריבן געווארן דורך טעפּ אינעם סיסטעם - 58.5 פראצענט פון אלע רייזעס זענען געווען טעפּ-און-גיי קאסטומערס, אן איינצלנע-טאג רעקארד. OMNY, די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט'ס (Metropolitan Transportation Authority, MTA) קאנטאקט-לאזע רייזע באצאלונג מעטאד, פארנעמט אין אלגעמיין כמעט העלפט פון אלע באצאלטע סאבוועי רייזעס.

די רייזנדע און OMNY רעקארדס קומען צוויי טעג איידער די MTA האט אקטיוויזירט OMNY קאסטומער ווענדינג מאשינען אין די בראָנקס, ברוקלין, מאנהאטען און קווינס, ערלויבנדיג רייזנדע צו נוצן קעש ביי די ווענדינג מאשינען צו קויפן OMNY קארטלעך. קרעדיט און דעביט קארטלעך און דיגיטאלע בערזלעך זענען אויך אנגענומען געווארן פאר איינקויפונגען.

OMNY קארטלעך שטעלן צו נאך א וועג צו געניסן פון OMNY'ס פינאנציעלע בויגזאמקייט צו באצאלן-ביים-גיין און קיינמאל שפענדן איבער $34.00 אין 7 טעג.

דער רעקארד קומט אינמיטן פון א גרידלאק אלערט, ארויסגעגעבן דורך די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע. די MTA האט [דערמאנט](#) ניו יארקערס פון סאבוועי מאקסימום בשעת די ערשטע טאג פון גרידלאק אום דעצעמבער 6. די סאבוועי האט א מעגליכקייט צו פירן 2 מיליאן מער מענטשן ווי עס טראגט היינט, און אין פריערדיגע מאנאטן האט מען צוגעלייגט סערוויס דורכאויס אף-פיעק שעות.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן